בעזרת השם יתברך

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

גליון

פאר'ן שבת טיש



פרשת בא

י' שבט שנת תשפ"א לפ"ק

שנה 2, גליון 12

(27)

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב

שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, שַׁבָּת חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי; אִינְדֶערְפְרִי נָאכְ'ן דַאוֶוענֶען הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ה', מִבֶּן מֶלֶךְ שֶׁהָיָה מֵאֲבָנִים טוֹבוֹת; דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל פוּן אָנְהֵייבּ.

דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי:

אַמָאל אִיז גִיוֶוען אַ מֶלֶךְ. דֶער מֶלֶךְ הָאט קֵיין קִינְדֶער נִיט גִיהַאט. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט זִיךְ גִיפָּארֶעט מִיט דָאקְטוֹירִים. כְּדֵי זַיין מְלוּכָה זָאל נִיט פַאר פְרֶעמְד וֶוערִין. זֵיי הָאבִּין אִים אָבֶּער נִיט גִיהָאלְפְּן.

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אָנְגֶעהוֹיבְּן: אִין אֶמֶתְ'ן אַרַיין קֶענֶען דָאקְטוֹרִים גָארְנִישְׁט הֶעלְפְּן דֶעם מֶענְטְשׁ, זֵיי קֶענֶען נִישְׁט גֶעבְּן קֵיין קִינְדֶער; וַוייל דִי גַאנְצֶע זַאךְ פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שִׁיקְט

אַ קְרֶענְק פַאר אַ מֶענְטְשׁ אִיז נָאר כְּדֵי אִים מְעוֹרֵר זַיין עֶר זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, עֶר זָאל זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר, וִוילַאנְג דֶער מֶענְטְשׁ טוּט נָאכְנִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה קֶען עֶר נִישְׁט וֶוערְן אוֹיסְגֶעהֵיילְט, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רסח): "כְּשֶׁאֵין הָאָדָם מִסְתַּכֵּל עַל הַתַּכְלִית לָמָּה לוֹ חַיִּים", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט נִישְׁט מִיטְ'ן תַּכְלִית וָואס הָאט עֶר פוּן זַיין לֶעבְּן? "וְהִנֵּה הַנֶּפֶשׁ מִתְגַּעְגַּעַת תָּמִיד לַעֲשׂוֹת רְצוֹן יוֹצְרָהּ", וַוייל דִי נֶפֶשׁ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ גְלוּסְט שְׁטֶענְדִיג צוּ טוּן דֶעם וִוילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וּכְשֶׁרוֹאֶה שֶׁאֵין הָאָדָם עוֹשֶׂה רְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ, חַס וְשָׁלוֹם", אוּן וֶוען זִי זֶעט אַז דֶער מֶענְטְשׁ טוּט נִישְׁט דֶעם וִוילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, חַס וְשָׁלוֹם, "אֲזַי הִיא מִתְגַּעְגַּעַ מְאֹד לַחֲזֹר לְשָׁרְשָׁהּ, וּמַתְחֶלֶת לְהַמְשִׁיךְ עַצְמָהּ לְהִסְתַּלֵּק מִגּוּף הָאָדָם", בֶּענְקְט זִי זֵייעֶר צוּרִיק צוּ גֵיין צוּ אִיר שֹׁרֶשׁ, צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר הֵייבְּט זִי זִיךְ אָן אַרוֹיסְצוּצִיעֶן

<<<

## אַ מַעֲשֶׂה פַארְן שַׁבָּת טִישׁ

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (וַיִּקְרָא רַבָּה ט, ט): "רַבִּי מֵאִיר הֲוָה יָתִיב וְדָרִישׁ בְּלֵילֵי שַׁבַּתָּא, הֲוָה תַּמָּן חָדָא אִתְּתָא יַצִיבָא וְשָׁמְעָה לֵיהּ תָּנְתָא מִדְרָשָׁא", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ פְרוֹי וֶועלְכֶע פְלֶעגְט גֵיין יֶעדֶע פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְ'ס צוּם שִׁיעוּר וָואס דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס פְלֶעגְט גֶעבְּן, "אַמְתִּינַת עַד דִיחֲסַל מִמִּדְרָשׁ", אֵיין וָואךְ הָאט דֶער תַּנָּא רֶבִּי מֵאִיר אַרַיינְגֶעצוֹיגְן דִי שִׁיעוּר אַבִּיסְל שְׁפֶּעט אוּן דִי פְרוֹי הָאט גֶעטְרַאכְט אַז זִי וֶועט אוֹיסְוַוארְטְן בִּיז עֶר עֶנְדִיגְט דֶעם שִׁיעוּר. "אָזְלָה לְבֵיתָהּ, אַשְׁכְּחָא בּוּצִינָא טָפֵי", וֶוען זִי אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען טוּנְקְל אִין שְׁטוּבּ, דִי לִיכְט הָאבְּן זִיךְ שׁוֹין גֶעהַאט אוֹיסְגֶעלָאשְׁן, "אֲמַר לָהּ בַּעְלָהּ, אָן הֲוֵית", וֶוען אִיר מַאן הָאט אִיר גֶעפְרֶעגְט: וואוּ בִּיסְטוּ גֶעוֶוען? "אָמְרָה לֵיהּ אֲנָא יָתִיבָא וְשָׁמְעָה קָלֵיהּ דָרוֹשָׁה", הָאט זִי גֶעעֶנְטְפֶערְט: בַּיים שִׁיעוּר פוּן הֵיילִיגְן תַּנָּא רֶבִּי מֵאִיר, "אֲמַר לָהּ כֵּן וְכֵן לָא אִיעַלְתְּ לְהָכָא עַד דַּאֲזַלְתְּ וְרוֹקַת בְּאַנְפֵּי דָרוֹשָׁה", אִיר מַאן אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁלֶעכְטֶער מֶענְטְשׁ, אַ כַּעְסָן, אַ לֵץ; הָאט עֶר אִיר גֶעזָאגְט: דוּ קֶענְסְט נִישְׁט אַרַיין קוּמֶען אִין שְׁטוּבּ בִּיז וִוילַאנְג דוּ גֵייסְט שְׁפֵּייעֶן אוֹיפְ'ן פָּנִים פוּנֶעם בַּעַל דַּרְשָׁן, אוּן עֶר הָאט פַארְמַאכְט דִי טִיר. "יְתִיבָא שַׁבַּתָּא קַמַּיְיתָא תִּנְיָנָא וּתְלִיתָא, אֲמְרִין לָהּ מְגִירָתָא כַּדּוּ אַתּוּן צְהִיבִין, אֲתֵינָן עִמָּךְ לְגַבֵּי דָרוֹשָׁה", דִי פְרוֹי אִיז גֶעוֶוען אַ עֶרְלִיכֶע פְרוֹי אוּן זִי הָאט גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'עֶנְדֶערְשׁ וֶועל אִיךְ בְּלַייבְּן אִינְדְרוֹיסְן וִוי אֵיידֶער מְבַזֶּה זַיין דֶעם הֵיילִיגְן תַּנָּא רֶבִּי מֵאִיר', אוּן זִי אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ אַ חַבְרְ'טֶע שְׁלָאפְן, אַזוֹי זֶענֶען אַרִיבֶּער אַפָּאר וָואכְן וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען צֶעטֵיילְט. "כֵּיוָן דְחָמֵי יַתְהוֹן רַבִּי מֵאִיר צָפָה בְּרוּחַ הַקֹּדֶשׁ", דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס הָאט דָאס גֶעזֶען מִיט רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ, "אֲמַר לְהוֹ אִית מִנְּכוֹן אִתְּתָא דְחַכִּימָא לְמִלְחַשׁ בְּעֵינָא", הָאט עֶר אַרוֹיס גֶעלָאזְט אַ שְׁמוּעָה אַז זַיין אוֹיג טוּט אִים וֵויי, עֶר שְׁפִּירְט וִוי עֶס בְּרֶענְט אִים, אוּן וֶוער עֶס קֶען לוֹחֵשׁ זַיין אוֹיף דֶעם זָאל קוּמֶען. (אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַזַא רְפוּאָה, אַז מֶען פְלֶעגְט שְׁפֵּייעֶן אוֹיפְ'ן אוֹיג אוּן זָאגְן עֶפֶּעס וֶוערְטֶער,

<<<

פוּנֶעם גוּף, "וּמִזֶּה נֶחֱלֶה הָאָדָם, עַל יְדֵי שֶׁנֶּחֱלָשׁ כֹּחַ הַנֶּפֶשׁ, עַל יְדֵי שֶׁמַּמְשֶׁכֶת עַצְמָהּ מִמֶּנּוּ מֵחֲמַת שֶׁאֵין מְמַלֵּא רְצוֹנָהּ", דֶערְפַאר וֶוערט דֶער מֶענְטְשׁ קְרַאנְק, וַוייל דִי כֹּחַ פוּנֶעם נֶפֶשׁ אִיז שְׁוַואךְ גֶעוָוארְן, זִי הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרוֹיסְצוּצִיעֶן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ וַוייל עֶר טוּט נִישְׁט אִיר ווִילְן, "כִּי הִיא רוֹצָה רַק שֶׁיַּעֲשֶׂה רְצוֹן הַמָּקוֹם בָּרוּךְ הוּא", וָואס זִי ווִיל נָאר אַז עֶר זָאל טוּן דֶעם ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וּמַה שֶּׁהָאָדָם חוֹזֵר לִבְרִיאוּתוֹ עַל יְדֵי רְפוּאוֹת", אוּן דָאס וָואס מֶען זֶעט אַז דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט צוּרִיק אוֹיסְגֶעהֵיילְט וֶוען עֶר נֶעמְט רְפוּאוֹת, "הוּא מֵחֲמַת שֶׁהַנֶּפֶשׁ רוֹאֶה שֶׁזֶּה הָאָדָם יָכוֹל לָכֹף עַצְמוֹ לַעֲשׂוֹת הֶפֶךְ תַּאֲוָתוֹ וּרְגִילוּתוֹ", דָאס אִיז צוּלִיבּ דֶעם וָואס דִי נֶפֶשׁ זֶעט אַז דֶער מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ צְווִינְגֶען צוּ טוּן פַארְקֶערְט פוּן זַיין גְלוּסְטֶעניִשׁ אוּן גֶעווֹאוֹינְהֵייט, "כִּי הוּא מֻרְגָּל בַּאֲכִילַת לֶחֶם וּשְׁאָר מַאֲכָלִים וְעַכְשָׁו כּוֹפֶה תַּאֲוָתוֹ וּמְקַבֵּל רְפוּאוֹת וְסַמִּים מָרִים בִּשְׁבִיל בְּרִיאוּתוֹ", וַוייל עֶר אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ עֶסְן בְּרוֹיט אוּן אַנְדֶערֶע גוּטֶע עֶסְנְוַוארְג אוּן יֶעצְט צְווִינְגְט עֶר זַיין גוּף אַיינְצוּנֶעמֶען בִּיטֶערֶע מֶעדֶעצִין צוּ וֶוערְן גֶעזוּנְט, "וּמֵחֲמַת שֶׁהַנֶּפֶשׁ רוֹאָה שֶׁהוּא יָכוֹל לָכֹף תַּאֲוָתוֹ בִּשְׁבִיל אֵיזֶה תַּכְלִית עַל כֵּן הִיא חוֹזֶרֶת אֵלָיו", אוּן ווִיבַּאלְד זִי זֶעט אַז עֶר בַּאצְווִינְגְט זַיין גוּף צוּלִיבּ דֶעם תַּכְלִית אַז עֶר זָאל גֶעזוּנְט וֶוערְן, קֶערְט זִי זִיךְ צוּרִיק צוּ אִים, "כִּי הִיא מְצַפָּה שֶׁיָּכֹף תַּאֲוָתוֹ בִּשְׁבִיל הַתַּכְלִית הָאֲמִתִּי, לַעֲשׂוֹת רְצוֹן יוֹצְרוֹ יִתְבָּרַךְ", וַוייל זִי הָאפְט אַז עֶר וֶועט אוֹיךְ בַּאצְווִינְגֶען זַיין גוּף צוּם אֶמֶת'ן תַּכְלִית, צוּ טוּן דֶעם ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיז דָאס מַסְבִּיר: יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אִין זִיךְ אַ הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה וָואס בֶּענְקְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִי ווִיל נָאר טוּן דֶעם ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר וֶוען זִי זֶעט אַז דֶער מֶענְטְשׁ לֶעבְּט נִישְׁט מִיט קֵיין תַּכְלִית, נָאר פַארְקֶערְט, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן, עֶר הִיט זִיךְ נִישְׁט זַיינֶע אוֹיגְן, עֶר לֵייגְט נִישְׁט קֵיין תְּפִילִין הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, הֵייבְּט זִי זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אָן צוּרִיק צוּ בֶּענְקֶען צוּ אִיר שׁוֹרֶשׁ, צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִי הֵייבְּט זִיךְ אָן אַרוֹיסְצוּצִיעֶן פוּנֶעם גוּף, אוּן צוּלִיבּ דֶעם בַּאקוּמְט דֶער מֶענְטְשׁ קָאפּ וֵוייטָאג, הַאלְז וֵוייטָאג וְכַדּוֹמֶה.

אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט צוּם דָאקְטֶער אוּן דֶער דָאקְטֶער פַארְשְׁרַייבְּט אִים אַ מֶעדֶעצִין אוּן דֶער מֶענְטְשׁ נֶעמְט עֶס אַיין - דֶעמָאלְט הֵיילְט זִיךְ אוֹיס זַיין קְרֶענְק; ווִיאַזוֹי? - אִיז דֶער רֶבִּי דָאס מַסְבִּיר, וַוייל דִי נְשָׁמָה וֶוערְט בַּארוּאִיגְט זֶעעֶנְדִיג ווִי דֶער מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ צְווִינְגֶען צוּ טוּן פַארְקֶערְט פוּן זַיין גְלוּסְטֶעניִשׁ אוּן גֶעווֹאוֹינְהֵייט, עֶר צְווִינְגְט זַיין גוּף אַיינְצוּנֶעמֶען דִי בִּיטֶערֶע מֶעדֶעצִין צוּ וֶוערְן גֶעזוּנְט, אוּן אֲפִילוּ הַיינְט וָואס דִי מֶעדֶעצִין זֶענֶען שׁוֹין אַיינְגֶעפַּאקְט אִין אַ הַאלְטֶער (קֶעפְּסְל) - דָאךְ בְּרֶענְגֶען דִי מֶעדֶעצִין מִיט זִיךְ זַייטִיגֶע נָאכְווֵייעֶן, ווִי מִידֶעקַייט וְכַדּוֹמֶה, הָאפְט זִי אַז עֶר וֶועט אוֹיךְ בַּאצְווִינְגֶען זַיין גוּף צוּם אֶמֶת'ן תַּכְלִית, צוּ טוּן דֶעם ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֶועט שׁוֹין אָנְהֵייבְּן הִיטְן זַיינֶע אוֹיגְן, אָנְטוּן תְּפִילִין וְכַדּוֹמֶה, דֶערְפַאר נָאכְ'ן נֶעמֶען דִי מֶעדֶעצִין וֶוערְט בֶּעסֶער

אוּן אַזוֹי אִיז מֶען אוֹיסְגֶעהֵיילְט גֶעוָוארְן).

"אֲמָרִין לָהּ מְגֵירָתָא כַּדּוּ אַתְּ אָזְלַת וְרוֹקַת בְּאַנְפֵּיהּ וְתִשְׁרֵי לְבַעֲלִךְ", הָאבְּן דִי חַבֶר'טֶעס גֶעזָאגְט פַאר דִי פְרוֹי: גֵיי שְׁפֵּיי אַרַיין אִין רֶבִּי מֵאִיר'ס אוֹיג, אַזוֹי וֶועט דַיין מַאן מַאכְן שָׁלוֹם מִיט דִיר. "כֵּיוָן דְיָתְבָא קַמֵּי אִידְחִילַת מִינֵיהּ, אֲמָרָה לֵיהּ רַבִּי לֵית אֲנָא חַכִּימָא לְמִילְחַשׁ עֵינָא, אֲמַר לָהּ אֲפִלּוּ הָכֵי רוֹקִי בְּאַנְפִּי שְׁבַע זִמְנִין וַאֲנָא מִינְשִׁים", אִיז זִי גֶעגַאנְגֶען, אוּן רֶבִּי מֵאִיר פְּרֶעגְט אִיר: דוּ קֶענְסְט לוֹחֵשׁ זַיין? הָאט זִי זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן אוּן גֶעזָאגְט דֶעם אֱמֶת אַז זִי קֶען נִישְׁט. הָאט אִיר רֶבִּי מֵאִיר גֶעזָאגְט: דֶעמָאלְט שְׁפֵּיי אַרַיין זִיבְּן מָאל אוֹיף מַיין פָּנִים, אַזוֹי וֶועל אִיךְ הָאבְּן אַ רְפוּאָה, "עָבְדָה הָכִין. אֲמַר לָהּ אִיזִילִי אִמְרִי לְבַעֲלִיךְ אַתְּ אֲמַרְתְּ חֲדָא זִימְנָא וַאֲנָא רָקֵית שְׁבַע זִימְנִין", אוּן זִי הָאט אַזוֹי גֶעטוּן. הָאט אִיר רֶבִּי מֵאִיר גֶעזָאגְט: גֵיי אַהֵיים אוּן זָאג פַאר דַיין מַאן: דוּ הָאסְט מִיר גֶעהֵייסְן שְׁפֵּייעֶן אֵיינְמָאל, אָבֶער אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּיגְן זִיבְּן מָאל.

"אָמְרוּ לוֹ תַּלְמִידָיו רַבִּי כָּךְ מְבַזִּין אֶת הַתּוֹרָה, לָא הֲוָה לָךְ לְמֵימַר לְחַד מִינָן לְמִלְחַשׁ לָךְ", הָאבְּן דִי תַּלְמִידִים גֶעפְרֶעגְט: אִיז דָאס כְּבוֹד הַתּוֹרָה? פַארְוָואס הָאט אוּנְז נִישְׁט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעהֵייסְן זִי זָאל שְׁפֵּייעֶן אוֹיפְן רֶבִּי'ן, מִיר וָואלְטְן אִים מְסַדֵּר גֶעוֶוען עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט וַואגְן אַזָאנְס צוּ טוּן?! "אֲמַר לְהוֹ לָא דַּיּוֹ לְמֵאִיר לִהְיוֹת שָׁוֶה לְקוֹנוֹ, דְּתָנֵי רַבִּי יִשְׁמָעֵאל גָּדוֹל שָׁלוֹם שֶׁשֵּׁם הַגָּדוֹל שֶׁנִּכְתַּב בִּקְדֻשָּׁה אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יִמָּחֶה עַל הַמַּיִם בִּשְׁבִיל לְהַטִּיל שָׁלוֹם בֵּין אִישׁ לְאִשְׁתּוֹ", הָאט רֶבִּי מֵאִיר גֶעזָאגְט: דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן מֶען זָאל אוֹיסְמֶעקְן זַיין נָאמֶען אַבִּי צוּ מַאכְן שָׁלוֹם צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז רֶבִּי מֵאִיר'ס נָאמֶען זָאל אוֹיסְגֶעמֶעקְט וֶוערְן אַבִּי צוּ מַאכְן שָׁלוֹם צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ; זֶעט מֶען ווִי חָשׁוּב עֶס אִיז אַז עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ.

לֵייג אַוֶועק אַלֶע דַיינֶע נַארִישֶׁע חָכְמוֹת הַמְדֻמּוֹת אוּן טוּ צוּ דִי זַאךְ; מַאךְ זִיךְ נִישְׁט פַאר אַזַא בַּטְלָן, אַז דַיין וַוייבּ אִיז אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט מִיט דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט זָאלְסְטוּ אִיר הֶעלְפְן. מִיט דֶעם וָואס דוּ הֶעלְפְּסְט אִיר הֶעלְפְּסְטוּ זִיךְ אַלֵיינְס; דוּ טוּסְט קֵיינֶעם נִישְׁט קַיין טוֹבוֹת נָאר פַאר זִיךְ. וַוייל דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ גֶעזוּנְטֶע וַוייבּ, אַ רוּאִיגֶע וַוייבּ אוּן אַ פְרֵייליכֶע וַוייבּ.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה מִשְׁפָּטִים תשע"ט)

פַאר'ן מֶענְטְשׁ.

דָאס אִיז דֶער רֶבִּי מְרַמֵּז דָא אִין דִי מַעֲשֶׂה, אַז דֶער מֶלֶךְ הָאט פְּרוּבִּירְט גֶעהָאלְפְן צוּ וֶוערְן מִיט קִינְדֶער דוּרְךְ דָאקְטוֹרִים אָבֶּער זֵיי הָאבְּן אִים נִישְׁט גֶעקֶענְט הֶעלְפְן, וַוייל נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער - עֶר קֶען אוֹיסְהֵיילְן אוּן עֶר קֶען גֶעבְּן קִינְדֶער.

הָאט עֶר גוֹזֵר גִיוֶוען אוֹיף יוּדְן אַז זֵיי זָאלִין פַאר אִים מִתְפַּלֵל זַיין. אַז עֶר זָאל הָאבִּין קִינְדֶער, הָאבִּין יוּדִין גִיזוּכְט אַ צַדִיק. כְּדֵי עֶר זָאל מִתְפַּלֵל זַיין אוּן זָאל פּוֹעֶלְ'ן. אַז עֶר זָאל הָאבִּין קִינְדֶער. הָאבְּן זֵיי גִיזוּכְט אוּן הָאבִּין גִיפוּנֶען אַ בַּאהַאלְטִינֶעם צַדִיק. אוּן זֵיי הָאבִּין אִים גִיזָאגְט אַז עֶר זָאל מִתְפַּלֵל זַיין אַז דֶער מֶלֶךְ זָאל הָאבְּן קִינְדֶער. הָאט עֶר גִיעֶנְפֶערְט עֶר וֵוייסְט גָאר נִיט. הָאבִּין זֵיי דָאס מוֹדִיעַ גִיוֶוען דֶעם מֶלֶךְ (כַּאֲשֶׁר אַז סֶע אִיז דָא אַ בַּאהַאלְטִינֶער צַדִיק נָאר עֶר זָאגְט עֶר וֵוייסְט גָאר נִיט) הָאט דֶער מֶלֶךְ גִישִׁיקְט אֵיין אוֹקַאז נָאךְ אִים. הָאט מֶען אִים גִיבְּרַאכְט צוּם מֶלֶךְ. הָאט דֶער מֶלֶךְ מִיט אִים אָנְגֶיהוֹיבְּן צוּ שְׁמוּסִין מִיט גוּטְן. דוּ וֵוייסְט דוּךְ. אַז דִי יְהוּדִים זֶענֶען בַּיי מִיר אִין דֶער הַאנְט. אִיךְ קָאן טָאן מִיט זֵיי וָואס אִיךְ ווִיל. בְּכֵן בֶּעט אִיךְ דִיךְ מִיט גוּטִין זַיי מִתְפַּלֵל. אִיךְ זָאל הָאבִּין קִינְדֶער. הָאט אִים דֶער צַדִיק מַבְטִיחַ גִיוֶוען אַז עֶר זָאל הָאבִּין דָאס יָאר אַ קִינְד אוּן אִיז זִיךְ אַהֵיים גִיגַאנְגֶען. הָאט דִי מַלְכָּה גִיהַאט אֵיין טָאכְטֶער. אוּן דִי בַּת מַלְכָּה אִיז גִיוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע פַּארְשׁוֹין. אוּן אַז זִי אִיז אַלְט גִיוֶוען פִיר יָאר. הָאט זִי גִיקֶענְט אַלֶע חָכְמוֹת אוּן אַלֶע לְשׁוֹנוֹת אוּן שְׁפִּילִין אוֹיף כֵּלִים. זֶענֶען גִיפָארִין אַלֶע מְלָכִים פוּן אַלֶע מְדִינוֹת. זִי צוּ זֶעהְן. אוּן סֶע גִיוֶוען אוֹיף דֶעם מֶלֶךְ אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה.

דֶער נָאךְ הָאט דֶער מֶלֶךְ זֵייעֶר גִיוָואלְט. עֶר זָאל הָאבְּן אֵיין זוּן כְּדֵי דִי מְלוּכָה זָאל נִיט אַוֶועק גֵייעֶן צוּ אֵיין פְרֶעמְדְן.

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט: אִין 'שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב' שְׁרַייבְּט מוֹהֲרָא"ש אַסַאךְ בְּרִיוְון פַאר מֶענְטְשְׁן וָואס פְרֶעגְן דֶעם פְרַאגֶע: אִיךְ הָאבּ 'נָאר' אַיין קִינְד, וָואס קֶען אִיךְ טוּן אִיךְ זָאל הָאבְּן נָאךְ קִינְדֶער? - עֶנְטְפֶערְט זֵיי מוֹהֲרָא"ש שְׁטֶענְדִיג: "דוּ דַארְפְּסְט טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה אַ קִינְד, וְויפִיל אִידִישֶׁע קִינְדֶער וַוארְטְן צוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן אוּן הָאבְּן כָּאטְשׁ אַיין קִינְד, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מַתָּנָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט פַאר אַ מֶענְטְשׁ, דֶערְפַאר אַנְשְׁטָאט אַרוּמְגֵיין צֶעבְּרָאכְן אוּן דֶעפְּרֶעסְט - פְרֵיי זִיךְ מִיט דֶעם קִינְד וָואס דוּ הָאסְט אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט נָאךְ הֶעלְפְן דוּ וֶועסְט הָאבְּן נָאךְ קִינְדֶער".

אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט, וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעוַוארְט לְמַזָל טוֹב וְכוּ', אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּ מוֹהֲרָא"שׁ בֶּעטְן אַ בְּרָכָה עֶר זָאל הָאבְּן אַ בֶּן זָכָר, אַזוֹי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ס.): "מִשְּׁלֹשָׁה וְעַד אַרְבָּעִים יְבַקֵּשׁ רַחֲמִים שֶׁיְּהֵא זָכָר", בִּיז דִי פֶערְצִיג טֶעג זָאל עֶר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דָאס עִבּוּר זָאל זַיין אַ בֶּן זָכָר, הָאט אִים מוֹהֲרָא"שׁ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אוּן אוֹיבּ עֶס וֶועט זַיין אַ מֵיידְל וָואס וֶועסְטוּ טוּן, וֶועסְטוּ אִיר אַרוֹיסְוַוארְפְן פוּן פֶענְסְטֶער...?" וְכַךְ הֲוָה עֶר הָאט גֶעבּוֹירְן אַ מֵיידְל; זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א: מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אַלֶעס גֶעווָאוּסְט, עֶר הָאט שׁוֹין פָארְאוֹיס גֶעזֶען וָואס עֶר וֶועט הָאבְּן, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט מִיר זָאלְן קוּקְן אוֹיף דִי חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אוּנְז, מִיר זָאלְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי מַתָּנוֹת וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט אוּנְז.

הֶער זִיךְ שׁוֹין אָפְּצוּרֶעדְן, 'עֶס פֶעלְט מִיר דָאס', 'עֶס פֶעלְט מִיר יֶענְץ וְכוּ'', הֵייבּ אָן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי פִילֶע גוּטְס וָואס דוּ הָאסְט. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט אַזוֹיפִיל גוּטְס פַאר אַ מֶענְטְשׁ נָאר דֶער מֶענְטְשׁ כַּאפְּט נִישְׁט וְויפִיל גוּטְס עֶר פַארְמָאגְט.

אַז מֶען מַאכְט זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן וְויפִיל גוּטְס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט אוּנְז וֶועלְן מִיר זֶען אַז מִיר קֶענֶען נִישְׁט אָנְהֵייבְּן אִים צוּ לוֹיבְּן אוֹיף זַיינֶע פִילֶע חֲסָדִים. מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן אַז מֶען זָאל גֵיין לְכָל הַפָּחוֹת אֵיין מָאל אַ חוֹדֶשׁ אִין שְׁפִּיטָאל צוּ מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה פוּן בִּקּוּר חוֹלִים. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נְדָרִים לט:) "כָּל הַמְבַקֵּר אֶת הַחוֹלֶה נִיצוֹל מִדִּינָהּ שֶׁל גֵּיהִנָּם", וֶוער עֶס אִיז מְבַקֵּר חוֹלֶה וֶוערְט נִיצוֹל פוּן גֵיהִנֹם; פְלֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְן, אַז חוּץ דִי מִצְוָה וָואס מֶען אִיז מְקַיֵּים בַּיים בַּאזוּכְן אַ חוֹלֶה, וֶוערְט דֶער מֶענְטְשׁ פְרֵיילִיךְ אוּן עֶר הָאט מֶער נִישְׁט קַיין טַעֲנוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל עֶר הֵייבְּט אָן צוּ זֶען אַז זַיין צָרָה, דִי שְׁוֶועריקֵייטְן וָואס עֶר גֵייט אַרִיבֶּער אִיז נָאךְ מִיט גְרוֹיס חֲסָדִים אוּן דִי צָרָה אִיז נִישְׁט אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ, עֶר הֵייבְּט אָן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר אִיז גֶעזוּנְט, עֶר קֶען גֵיין אוּן קוּמֶען, עֶר קֶען עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען וְכוּ' וְכוּ'.

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט אַלְץ חַזֶרְ'ן דֶעם מֶדְרָשׁ (מִדְרַשׁ תְּהִלִּים, מִזְמוֹר מו) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים קלו, ד):

"לַעֲשֵׂה נִפְלָאוֹת גְּדוֹלוֹת לְבַדּוֹ", דער אייבערשטער מאכט גרויסע וואונדער אַליינס, זאָגט די מִדְרָשׁ: "הוּא לְבַדּוֹ יוֹדֵעַ נִסִּים וּפְלָאִים שֶׁהוּא עוֹשֶׂה עִמָּךְ", נאָר דער אייבערשטער אַליינס ווייסט די נִסִּים און וואונדער וואס ער טוט מיט דיר; דער מענטש מיינט 'אַזוי קוּמט עס, איך קען גיין און קוּמען וכו'', דער מענטש כאַפּט גאָרנישט ווי ער איז אַרוּמגענוּמען מיט נִסִּים יעדע מִינוּט.

## קִינְדער שְׁפִּילְן הויז

דערנאָך איז דער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַרײַן אין שְׁמוּעֶס פון די דרײַ צײַטן וואס אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ קוּמען צום רבּי'ן, און געזאָגט: בְּחַיִּים חיוּתו פון הייליגן רבּי'ן זענען געווען דרײַ זְמַנִּים ווען מען פלעגט קוּמען צום רבּי'ן: 'ראֹש הַשָּׁנָה', 'שַׁבָּת חֲנוּכָּה' און 'שָׁבוּעוֹת'; מוֹהֲרַ"ש איז מַסְבִּיר אַז דאָס זענען די דרײַ זאַכן וואס דער רבּי ברענגט אַרײַן אין אוּנז.

'ראֹש הַשָּׁנָה' - איז מען מַמְלִיךְ דעם אייבערשטן; דער רבּי ברענגט אַרײַן אין אוּנז מיר זאָלן לעבן מיט אַ קלאָרע שטאַרקע אֱמוּנָה, געדענקן אַז דער אייבערשטער פירט די וועלט, וואס מיר דאַרפן זאָל מען נאָר בעטן פון אים. עס קוּקט אויס ווי דער פרעזידענט און דער גאָווערנער - זיי פירן די וועלט, אָבער דאָס איז אַלעס נאָר אַזוי ווי אַ שְׁפִּיל, אַזוי ווי קינדער וואס שפּילן 'הויז', איך בין דער טאַטע און דו ביסט די מאַמע וכו', עס איז זייער זיס צו זען ווי זיי שפּילן זיך, אָבער פאַר קיינעם פאַלט נישט אײַן אַז די קינדער פירן טאַקע די הויז, יעדער פאַרשטייט אַז טאַטע און מאַמע פירן די הויז, די זעלבע זאַך איז אֲפִילוּ עס קוּקט אויס ווי די פּאָליטישע פירער טוען און מאַכן, טיילן געלט וכו' - איז דאָס אַלעס ווי אַ שיינע שפּיל, אָבער דער אייבערשטער ער פירט אַלעס.

'חֲנוּכָּה' - איז אַ צײַט וואס מען דאַנקט און לויבט דעם אייבערשטן; דער רבּי ברענגט אַרײַן אין אוּנז מיר זאָלן אָנְהייבן קוּקן אויף דאָס גוּטס וואס דער אייבערשטער טוט מיט אוּנז, אַז מען איז געזונט און שטאַרק, מען איז נישט אין שפּיטאָל, מען האָט אַלע אֵבָרִים גאַנץ, מוֹהֲרַ"ש פלעגט כְּסֵדֶר חַזֶרְ'ן וויפיל מען דאַרף אַלץ דאַנקען דעם אייבערשטן אויף אַלע אֵבָרִים וואס מען פאַרמאָגט, די אויגן, אויערן, נאָז, מויל, הענט און פיס; מוֹהֲרַ"ש זאָגט אַז דאָס איז די ראָשֵׁי תֵּיבוֹת פון עָשִׁי"ר: עַ'יְנַיִם, שִׁ'ינַּיִם, יָ'דַיִם און רַ'גְלַיִם, אַז מען האָט די אֵבָרִים גאַנץ איז מען דאָך אַ רײַכער מענטש.

מוֹהֲרַ"ש זאָגט: בעפאַר מען גייט אַרויס פון שְׁטוּב זאָל מען לייגן די האַנט אויף די מְזוּזָה און בעטן אַ קליינע תְּפִלָּה: "הייליגער באַשעפער היט מיך, ברענג מיך צוּריק אַהיים געזוּנטערהייט", אויב איז מען שוין חֲתוּנָה געהאַט לייגט מען אויך צו אַ תְּפִלָּה אויף די ווייב און קינדער: "הייליגער באַשעפער היט מיך, ברענג מיך, מײַן ווייב און קינדער צוּריק אַהיים געזוּנטערהייט", און ווען מען קוּמט אָן אַהיים בְּשָׁלוֹם זאָל מען לייגן די האַנט אויף די מְזוּזָה און זאָגן: "יִישַׁר כֹּחַ אייבערשטער אַז איך, מײַן ווייב און קינדער זענען צוּריק אַהיים בְּשָׁלוֹם" - דאָס איז 'חֲנוּכָּה' דאַנקען און לויבן דעם אייבערשטן.

## יֶעצְט בין איך אין גַן עֵדֶן

נעכטן לֵיל שַׁבָּת קוֹדֶשׁ בײַם באַטע האָב איך דערציילט אַ מַעֲשֶׂה פון איינער פון אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ: איינער האָט אים געזאָגט: איך בין דיך מְקַנֵּא, דו ביסט אַזוי פּאָזעטיוו, דו רעדסט אַזוי פיל פון דעם אייבערשטן, אַלעס נעמסטו אָן מיט אֱמוּנָה, איך בין זיכער אַז נאָך דײַן שטאַרבן וועסטו גלײַך אַרײַנגיין אין גַן עֵדֶן?" האָט דער ברעסלעב'ער חָסִיד געענטפערט: "נאָך מײַן שטאַרבן אין גַן עֵדֶן? איך בין שוין 'יעצט' אין גַן עֵדֶן; איך האָב אַ געשמאַקע לעבן, איך לעב מיט'ן אייבערשטן, איך דאַנק און איך לויב אים.

זאָגט דער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א: ווי אַזוי קען אַ מענטש זוֹכֶה זײַן צו דעם ער זאָל לעבן בָּזֶה הָעוֹלָם אין גַן עֵדֶן, ער זאָל שפּירן דעם אייבערשטן? - ענטפערט דער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א: אַז מען איז מְקוּשָּׁר צום צַדִּיק, מען פאָלגט די לִימוּדִים פון רבּי'ן - דאַן איז דער מענטש זוֹכֶה צו לעבן בָּזֶה הָעוֹלָם אין גַן עֵדֶן.

[דעם פאַרגאַנגענעם ראֹש הַשָּׁנָה הֶעָבַר עָלֵינוּ לְטוֹבָה, האָט גאָר שטאַרק אַרויסגעשטראַלט די 'אֱמוּנַת חֲכָמִים' וואס תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ האָבן, און דער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א דערציילט: אַ תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה האָט מיר געשריבן "יֵשׁ לִי דֶּרֶךְ לְהַכְנִיס אֶת הָרֹאשׁ יְשִׁיבָה וְכָל הַקְּהִלָּה" - איך האָב אַ וועג אַרײַנצוּברענגען דעם ראֹש יְשִׁיבָה מיט די גאַנצע קְהִלָּה; האָבן מיר זיך אַלע אויפגעהויבן און זיך אַרויסגעלאָזט אויפ'ן וועג, אֲפִילוּ עס איז אַ שווערע וועג, אַ דֶּרֶךְ לֹא דֶרֶךְ, אַ וועג וואס איז נישט קיין גראַדע לײַכטע וועג וכו' וכו', אֲפִילוּ עס האָט געקאָסט שווערע געלטער, יעדער מענטש האָט געדאַרפט באַצאָלן אַפּאָר טויזנט דאָלער אויסער די טיקעט, אָבער אַז דער רבּי האָט געהייסן קוּמען קיין אוּמַאן ראֹש הַשָּׁנָה - גייען מיר, אֲפִילוּ עס איז

שְׁוֶוער, אֲפִילוּ עֶס אִיז מְסִירוּת נֶפֶשׁ. צוּם סוֹף וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעזֶען אַז מִיר וֶועלְן נִישְׁט אָנְקוּמֶען קַיין אוּמַאן, מִיר וֶועלְן בְּלַייבְּן אִינְמִיטְן וֶועג אָן אַ שְׁפָּר - הָאבְּן מִיר זִיךְ צוּרִיק גֶעקֶערְט. אוּן גֶעלוֹיבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מִיר הָאבְּן גֶעהַאט אַ שֵׁיינֶע קִבּוּץ דָא אִין שְׁטֶעטְל אוּן הַיינְט זֶענֶען מִיר אוֹיךְ זוֹכֶה צוּ זַיין צוּזַאמֶען, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן אוֹיךְ קֶענֶען מַאכְן דָא דִי דְרִיטֶע קִבּוּץ פוּן שָׁבוּעוֹת, אָמֵן.]

'שָׁבוּעוֹת' - זֶענֶען מִיר מְקַבֵּל דִי תּוֹרָה; דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ הֶערְלִיכֶע מַתָּנָה, דֶעם 'סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד' (עַיֵין בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן עו), מִיט וָואס יֶעדֶער אִיד אָן אוֹיסְנַאם קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, נִישְׁט קַיין חִילוּק 'וֶוער אִיךְ בִּין', 'וָואס אִיךְ בִּין' אוּן 'וָואס אִיךְ אַרְבֶּעט'.

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רוּפְט זִיךְ אָן: אִיךְ הָאב אַייךְ אַ גוּטֶע בְּשׂוֹרָה, ... נֵרוֹ יָאִיר אִיז יֶעצְט דָא, עֶר מַאכְט יֶעצְט אַ סִיּוּם אוֹיף גַאנְץ לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעעֶנְדִיגְט אוֹיפְ'ן בָּאס; עֶר הָאט בַּאוִויזְן אַ זַאךְ וָואס קֵיינֶער הָאט נָאכְנִישְׁט בַּאוִויזְן, צוּ לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן גַאנְץ לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אִין צְוֵוייִ חֳדָשִׁים אוֹיפְ'ן בָּאס. אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט צוּם מְסַיֵּים: אִיךְ מֵיין זִיךְ נִישְׁט צוּ חַנְפְ'עֶנֶען צוּ דִיר, דִיר אוֹיסְלוֹיבְּן וְכוּ', נָאר אִיךְ וִויל דָאס וַוייזְן פַּאר אַלֶע אִינְגֶעלַייט זֵיי זָאלְן זֶען אַז מֶען קֶען לֶערְנֶען אוּן זַיין אַ בָּאס דְרַייוֶוער אִינְאֵיינֶעם, מֶען קֶען זִיצְן אוֹיפְ'ן בָּאס אַ גַאנְצְן טָאג אוּן לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד; מֶענְטְשְׁן טְרַאכְטְן 'וֶועל אִיךְ וָואלְט גֶעוֶוען אַ כּוֹלֵל אִינְגֶערְמַאן וָואלְט אִיךְ גֶעלֶערְנְט', אָבֶּער דָא זֶעט מֶען אַז אַ בָּאס דְרַייוֶוער קֶען אוֹיךְ לֶערְנֶען אוּן מַאכְן סִיּוּמִים.

## סִ"י דִ"י עֶ"ל

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאגְן: סִ"י דִ"י עֶלִ' (דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דִי לֵייסֶענְס וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן צוּ קֶענֶען פִירְן אַ בָּאס) אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת סֵ'דֶר דֶ'רֶךְ הַלִ'ימוּד; מֶען קֶען זַיין אַ סִ"י דִ"י עֶלִ' דְרַייוֶוער אוּן אַז מֶען לֶערְנְט אוֹיפְ'ן סֵ'דֶר דֶ'רֶךְ הַלִ'ימוּד קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ.

אִיךְ וִויל קֵיינֶעם נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען, אִיךְ וִויל קֵיינֶעם נִישְׁט פְרֶעגְן: "וֶוען הָאסְטוּ דִי לֶעצְטֶע מָאל גֶעלֶערְנְט לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן? וֶוען הָאסְטוּ דִי לֶעצְטֶע מָאל גֶעמַאכְט אַ סִיּוּם אוֹיף לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן?" אוּן דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט גֶעעֶנְדִיגְט אוֹיפְ'ן בָּאס גַאנְץ לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן וָואס אִיז אוֹיסֶער זַיינֶע שִׁיעוּרִים פוּן אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן אִין סֵפֶר הַמִּדּוֹת יֶעדְן טָאג.

דָא אִין שְׁטֶעטְל זֶענֶען נִישְׁט דָא אַזוֹיפִיל טְרֶעפִּיק אוֹיף דִי וֶועגְן, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין רוֹיט לַייטְס, אָבֶּער אִין שְׁטָאט קֶען מֶען זִיצְן אַסַאךְ צַייט אוֹיפְ'ן וֶועג, אָבֶּער אַז מֶען הָאט דֶעם 'סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד' פוּן רֶבִּי'ן אִיז אַלְץ דָא וָואס צוּטוּן בְּשַׁעתְ'ן וַוארְטְן.

דֶער אִינְגֶערְמַאן אִיז אַ רִיכְטִיגֶער בֵּיישְׁפִּיל וִוי אַזוֹי מֶען קֶען אוֹיסְנִיצְן דִי צַייט מִיט גוּטֶע זַאכְן; מֶענְטְשְׁן טְרַאכְטְן 'וֶוען אִיךְ וֶועל עֶנְדִיגְן בּוֹיעֶן מַיין הוֹיז וֶועל אִיךְ זִיךְ זֶעצְן לֶערְנֶען' - זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א: לְמַעֲשֶׂה זֶע אִיךְ אַז דוּ הָאסְט שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט בּוֹיעֶן אֵיין הוֹיז אוּן אַ צְווֵייטֶע אוּן הָאסְט זִיךְ נָאכְאַלְץ נִישְׁט גֶעזֶעצְט לֶערְנֶען; קוֹדֶם וִויל מֶען עֶנְדִיגְן אֵיין הוֹיז נָאכְדֶעם אַ צְווֵייטֶע אוּן אַ דְרִיטֶע, נָאכְדֶעם עֶפֶּעס מֶען אַ עֶמֶעזַאן בִּיזְנֶעס צוּ פַארְלִירְן דִי גַאנְצֶע גֶעלְט וָואס מֶען פַארְמָאגְט... אוּן עֶס גֵייט אַרִיבֶּער כַּמָּה וְכַמָּה שָׁנִים אָן לִימּוּד הַתּוֹרָה.

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזָאגְט: אַ תַּלְמִיד פוּן רֶבִּי'ן דַארְף זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן, אִיךְ בִּין דָא בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן לָאמִיר פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, לָאמִיר מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין רֶבִּי'נְס סְפָרִים.

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָבֶּער צוּגֶעלֵייגְט: אַוַודַאי דָאס עֶרְשְׁטֶע שִׁיעוּר דַארְף מֶען לֶערְנֶען חוּמָשׁ; אִיךְ בֶּעט עֶנְק זַייט מַעֲבִיר סֶדְרָה פוּן אָנְהֵייבּ וָואךְ, יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אַז מֶען גֵייט אוֹיף דֶעם וֶועג קֶען מֶען זַיין זִיכֶער אַז מֶען וֶועט עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ דִי פַּרְשָׁה, דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע אִינְשׁוּרֶענְס, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע סְגוּלָּה פַאר אֲרִיכוּת יָמִים, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ח): "לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פָּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם", מֶען זָאל יֶעדֶע וָואךְ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין צְווֵיי מָאל דִי חוּמָשׁ אוּן אֵיין מָאל תַּרְגּוּם, "שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פָּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר מַאֲרִיכִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו", ווייל וֶוער עֶס אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ אֲרִיכוּת יָמִים וְשָׁנִים; דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע אִינְשׁוּרֶענְס פַאר אֲרִיכוּת יָמִים אוּן דָאס רַאטֶעוֶועט אַ מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

עַל פִּי הָרוֹב קוּמֶען דִי 'לֵייף אִינְשׁוּרֶענְס' אַגֶענְטְן צוּ דִי פְרִישֶׁע אִינְגֶעלַייט וָואס זֵיי קֶען מֶען גְרִינְגֶערְהֵייט פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ אוּן פְּרוּבִּירְן אַרוֹיס נֶעמֶען גֶעלְט פוּן זֵיי דוּרְךְ זֵייעֶרֶע זִיסֶע רֵייד וְכוּ'.

## לייף אינשורענס

און דער ראש ישיבה שליט"א האט דערציילט: נאך מיין חתונה, איידער איך בין מקורב געווארן צו מוהרא"ש זכרונו לברכה האט איינער מיר פארנארט מיט א לייף אינשורענס פאליסי, ער האט ארויסגענומען פון מיר פערציג טויזנט דאלער, שפעטער ווען דער אייבערשטער האט מיר געהאלפן אז איך בין געווארן מקורב צו מוהרא"ש איז א צווייטער געקומען צו מיר ער וויל קומען צו מיר אינדערהיים רעדן וועגן קויפן א לייף אינשורענס פאליסי, האב איך אים געזאגט פיין קענסט קומען, זאגט ער מיר 'איך וויל רעדן צו דיר צוזאמען מיט דיין ווייב', למעשה איז ער געקומען און הייבט אן רעדן: "עס קאסט אינגאנצן דריי הונדערט דאלער א חודש..." פרעג איך אים: "וואס? פון וואו זאל איך נעמען יעדע חודש איבעריגע דריי הונדערט דאלער?" הייבט ער אן רעדן מיט זיסע רייד: "א מענטש דארף זיין רעאליסטיש, דארפסט טראכטן אפשר וועסטו פלוצלינג שטארבן און דיין ווייב וועט איבערבלייבן אליינס און פון וואו וועט זי האבן געלט פאר זיך און פאר די קינדער..." האב איך אים געענטפערט: "איך האב שוין א לייף אינשורענס, איך לערן יעדן טאג חומש און תרגום וואס איז א סגולה פאר אריכות ימים", ענטפערט ער: "וואס הייסט לייף אינשורענס איז דאך א סגולה פאר אריכות ימים..." זאג איך אים: "איך נעם די סגולה פון די הייליגע גמרא". איך האב אים מסביר געווען: "פארוואס זאל איך יעצט בארגן געלט צו קויפן א לייף אינשורענס? איך דארף זיך נישט זארגן וואס וועט זיין אינעם קומענדיגן גלגול, ווען איך לעב דארף איך ברענגען פרנסה, וואס וועט זיין נאכדעם - דאס איז נישט א זאך וואס איך דארף זיך יעצט דערויף זארגן.

פירט דער ראש ישיבה שליט"א אויס: עס פעלט נישט אויס צו מאכן א לייף אינשורענס און עס העלפט נישט, ענדערש וועל איך זיך אנגרייטן מיט פרקים משניות און דפים גמרא.

דערנאך איז דער ראש ישיבה שליט"א אריין אין א שמועס איבער 'הפצה' און געזאגט: דא דער שטעטל איז א הערליכע פלאץ ווייל אלע איינוואוינער, יעדער איינער באזונדער, מענער, פרויען, קינדער - אינגלעך, מיידלעך און בחורים - לעבן און אטעמען דעם רבי'ן, אלע זענען עוסק אין הפצה, אין פארשפרייטן די זיסע געשמאקע עצות פון רבי'ן, אז נאך איינער זאל וויסן אז ער קען לערנען, דער רבי האט אים א וועג צו לערנען און ענדיגן כל התורה כולה, נאך איינער זאל וויסן אז מען קען זיין אן ערליכער איד אין שטוב, מען קען לעבן אין שטוב בשלום אן פרישות און דמיונות וכו'.

און דער ראש ישיבה שליט"א זאגט ווייטער: דאס וואס מיר האבן געוויטאגט דעם פארגאנגענעם ליל שישי (פרשת וישב) ביים שיעור, דאס איז נישט קיין געלעכטער, מען דארף ווייגן און שרייען דערויף, ליידער זענען דא מדריכים און מדריכות וואס פארפירן חתנים און כלות און אינגעלייט מיט פאלשע לימודים, מען לאזט זיי נישט לעבן, און דאס ברענגט צו אז זיי זאלן אראפפאלן אין ביטערע עבירות רחמנא לצלן!

אז מיר האבן זוכה געווען אז מיר האבן זיך דערוואוסט פון הייליגן רבי'נס עצות טארן מיר נישט זיין עגאאיסטיש, דאס האלטן נאר פאר זיך, נאר מיר דארפן דאס ווייטער געבן אויך פאר אנדערע מענטשן.

## עס איז פארוואלקענט אינדרויסן

גייט ארום פארשפרייטן דעם רבי'נס ספרים ארום די וועלט, זאל נאך א אינגערמאן וויסן אז אויב האט זיך עפעס אויסגעגאסן, אדער ער האט געהאט א שווערע וועג אהיים פון די ארבעט, ס'איז געווען א לאנגע טרעפיק - האט דאס נישט צוטון מיט זיין ווייב, זי איז נישט שולדיג דערויף; זאל נאך א פרוי וויסן אז אויב עס איז פארוואלקענט אינדרויסן, אדער ווען זי האט געמאכט א שיינע זאך פאר די חנוכה מסיבה און ס'איז אראפגעפאלן אויף די ערד, אדער ווען זי איז ארומגעגאנגען א גאנצן טאג איינקויפן און זי האט גארנישט געטראפן - האט דאס נישט צוטון מיט איר מאן, ער איז נישט שולדיג דערויף.

זאגט דער ראש ישיבה שליט"א: דאס איז געווען ביים רבי'ן א יסוד היסודות 'שלום בית'; איינער זאל רעדן שיין מיט'ן צווייטן. מען קען נישט וואוינען דא אין שטעטל אויב מען קען זיך נישט אויסקומען מיט די ווייב, דא איז א הייליגע שטאט, מוהרא"ש שרייבט צענדליגער מאל אין אשר בנחל: "אן שלום בית קען מען נישט וואוינען ביים רבי'ן".

ביי די וועלט איז 'שלום בית' א זאך וואס געהערט צו טערעפיסטן און קאונסלערס, מיט משלים, מען דריידט אהער און אהין, אבער ביים רבי'ן לערנט אונז דער רבי אויס אז 'שלום בית' איז 'עבודת השם'; ביי די וועלט גייט אלעס מיט משלים, מען דערציילט: 'עס איז געווען א קעניג וואס האט געהאט א בת יחידה וכו'', אבער דער רבי גייט גלייך צום ענין, ער לערנט

דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָן קַיין מָשָׁל אוּן נִמְשָׁל.

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוֹיסְגֶעפִירְט: דֶערְפַאר קוּמֶען מִיר צוּם רֶבִּי'ן, ווייל דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, חֲנוּכָּה אוּן שָׁבוּעוֹת; עֶר לֶערְנְט אוּנְז מִיר זָאלְן מַמְלִיךְ זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה, אוּן מִיר זָאלְן דַאנְקְן אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מִיר זָאלְן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.

(סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ה', מִבֶּן מֶלֶךְ שֶׁהָיָה מֵאֲבָנִים טוֹבוֹת, חֵלֶק ד'; פָארְגֶעלֶערְנְט שַׁבָּת קוֹדֶשׁ אִינְדֶערְפְרִי נָאכְ'ן דַאוֶוענֶען, פָּרָשַׁת וַיֵּשֶׁב, שַׁבָּת חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן, אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי)

<<<

אֶחָד אֶצְלוֹ וְרָצָה לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, תֵּכֶף נֶהְפַּךְ מִיָּד לְאִישׁ אַחֵר מַמָּשׁ", יֶעדֶעס מָאל וֶוען אֵיינֶער אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן עֶר הָאט גֶעוָואלְט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶע אִיד, הָאט מֶען גֶעזֶען ווי דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט אַן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן.

וֶוען אֵיינֶער בֶּעט מִיר אַז אִיךְ זָאל אִים דֶערְצֵיילְן מוֹפְתִים פוּן מוֹהֲרַ"אשׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וְכוּ', דֶערְצֵייל אִיךְ וָואס עֶס אִיז בַּיי מִיר דֶער גְרֶעסְטֶער מוֹפֵת אוּן דָאס גְרֶעסְטֶע צִדְקוּת, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל שְׁטֵיין אוּן רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן אִיבֶּער פוּפְצִיג יָאר, בִּשְׁעַת דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס עֶר הָאט גֶעהָאלְפְן - רוּבָּם כְּכוּלָּם, זֶענֶען גֶעוָוארְן זַיינֶע מִתְנַגְּדִים; אַסַאךְ מַנְהִיגִים - סַיי אִין בְּרֶסְלֶב אוּן סַיי אִין דֶער וֶועלְט הָאבְּן גֶענוּמֶען חִיזּוּק פוּן דֶעם צַדִּיק אוּן גֶערֶעדְט הָאבְּן זֵיי אַלֶע אוֹיף אִים מִיט אַ גְרִינְגְשֶׁעצוּנְג. אוּן דֶער חִידּוּשׁ אִיז וַיִּפְנוּ מִשָּׁם הָאֲנָשִׁים - וַיֵּלְכוּ סְדֹמָה, וּמוֹהֲרַ"אשׁ עוֹדֶנּוּ עֹמֵד לִפְנֵי ה'... מוֹהֲרַ"אשׁ אִיז וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען אוֹיף זַיין וֶועג, עֶר הָאט וַוייטֶער מְגַלֶּה גֶעוֶוען פַאר אַלֶעמֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, וַוייטֶער גֶעשְׁרִיבְּן סְפָרִים וָואס זֶענֶען מְחַיֶּה וּמְחַזֵּק דִי גַאנְצֶע וֶועלְט בְּלִי שׁוּם גּוּזְמָא.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (עֲבוֹדָה זָרָה ח:) אַז דִי רוֹמִים הָאבְּן גֶעמַאכְט אַ גְזֵירָה אוֹיף דִי אִידְן אַז מֶען טָאר נִישְׁט גֶעבְּן קַיין סְמִיכָה פַאר קֵיינֶעם אוּן וֶוער עֶס וֶועט גֶעבְּן סְמִיכָה וֶועט מֶען אִים הַרְגִ'נֶען, אַזוֹי אוֹיךְ וֶועט מֶען הַרְגִ'נֶען דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט וואוּ מֶען הָאט גֶעגֶעבְּן סְמִיכָה וְכוּ'. זָאגְן חֲזַ"ל: "בְּרַם זָכוּר אוֹתוֹ הָאִישׁ לַטּוֹב וְרַבִּי יְהוּדָה בֶּן בָּבָא שְׁמוֹ", מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען דָאס מְסִירַת נֶפֶשׁ פוּן דֶעם גְרוֹיסְן צַדִּיק רֶבִּי יְהוּדָה בֶּן בָּבָא, ווייל וֶוען נִישְׁט אִים וָואלְט וֶוען פַארְגֶעסְן גֶעוָוארְן גֶעווִיסֶע הֲלָכוֹת וְכוּ'. וָואס הָאט עֶר גֶעטוּן? עֶר הָאט גֶענוּמֶען פִינְף תַּנָּאִים אוּן זִיךְ בַּאהַאלְטְן מִיט זֵיי צְווִישְׁן צְווֵיי בֶּערְג אוּן זֵיי דָארְט גֶעגֶעבְּן סְמִיכָה. וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען אַז דִי רוֹמִים קוּמֶען הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים: "אַנְטְלוֹיפְט, אַז אִיר זָאלְט בְּלַייבְּן לֶעבְּן", הָאבְּן זֵיי אִים גֶעפְרֶעגְט: "רַבִּי, וְאַתָּה מַה תְּהֵא עָלֶיךָ?" רֶבִּי, דוּ קֶענְסְט דָאךְ נִישְׁט אַנְטְלוֹיפְן - ווייל עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ זָקֵן - וָואס וֶועט זַיין מִיט דִיר? הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: "הֲרֵינִי מוּטָל לִפְנֵיהֶם כְּאֶבֶן שֶׁאֵין לָהּ הוֹפְכִין", אִיךְ וֶועל דָא בְּלַייבְּן לִיגְן ווי אַ שְׁטֵיין וָואס הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם הֶרְגֵּשׁ, זָאלְן זֵיי מִיר כַאפְּן אוּן הַרְגִ'נֶען כְּדֵי אִיר זָאלְט זִיךְ קֶענֶען רַאטֶעוֶוען.

דִי תַּלְמִידִים הָאבְּן זִיךְ טַאקֶע גֶערַאטֶעוֶועט אוּן אִים הָאט מֶען גֶעכַאפְּט. דֶערְצֵיילְט דִי גְמָרָא: "לֹא זָזוּ מִשָּׁם עַד שֶׁנָּעֲצוּ לְגוּפוֹ ג' מֵאוֹת לוּלְנִיָּאוֹת שֶׁל בַּרְזֶל, וַעֲשָׂאוּהוּ לְגוּפוֹ כִּכְבָרָה", זֵיי הָאבְּן אִים נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט בִּיז מֶען הָאט אִין אִים אַרַיין גֶעשְׁטָאכְן דְרַיי הוּנְדֶערְט מֶעסֶערְס, בִּיז זַיין הֵיילִיגֶע גוּף אִיז גֶעוָוארְן גֶעלֶעכֶערְט ווי אַ זִיפּ.

דָאס אִיז אַ מוֹפֵת, דָאס אַ צַדִּיק; עֶר אִיז גְרֵייט מֶען זָאל אִים שְׁטֶעכְן מִיט דְרַיי הוּנְדֶערְט מֶעסֶערְס אַבִּי עֶס זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן וֶוערְן דִי תּוֹרָה בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער. וִויפִיל מֶען רֶעדְט אוֹיף אִים אוּן וִויפִיל מֶען שְׁפֵּייט אוֹיף אִים, אִיז עֶר בַּיי זִיךְ אַזוֹי בָּטֵל, אַז עֶר גֵייט וַוייטֶער אָן מִיט זַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן עב) אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ צוּגֶעווֹאוֹינֶען צוּ זַיין אַזוֹי ווִי דֶער עֶרְד; דִי עֶרְד וֶוערְט נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף מֶענְטְשְׁן וֶוען מֶען טְרֶעט אוֹיף אִיר, מֶען שְׁפֵּייט אוֹיף אִיר אוּן מֶען וַוארְפְט מִיסְט אוֹיף אִיר וְכוּ' וְכוּ', דִי עֶרְד גֶעבְּט וַוייטֶער אַרוֹיס אַלֶע גוּטֶע פְרוּכְט אוּן אַלֶע מֶענְטְשְׁלִיכֶע בַּאדֶערְפֶענִישְׁן. אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זַיין אַ גוּטֶער אוּן אַ גֶעבֶּער; אֲפִילוּ מֶען שְׁפֵּייט אוֹיף אִים אוּן אֲפִילוּ מֶען רֶעדְט אוֹיף אִים, זָאל עֶר וַוייטֶער זַיין גוּט צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם. דָאס אִיז אוֹיפְן שְׁפִּיץ גָאפְּל וָואס אִיךְ קֶען דִיר זָאגְן אַז אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען בַּיי מוֹהֲרַ"אשׁ; עֶר אִיז גֶעוֶוען כְּאַסְקֻפָּה הַנִּדְרֶסֶת פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן נָאךְ גֵיין זַיינֶע וֶועגְן, מִיר זָאלְן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, בִּיז מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְאוּלָּה שְׁלֵימָה בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ אָמֵן.

(סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֵלֶק ג, סִימָן רִיב)

**אַ בְּרִיוו לְכָבוֹד דֶעם יוֹמָא דְהִילוּלָא קַדִּישָׁא פוּן כ"ק מָרָן מוֹהֲרַ"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס גֶעפַאלְט אוֹיס קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ, שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה.**

**שְׁאֵלָה:**

*לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אַזוֹי ווִי עֶס דֶערְנֶענְטֶערְט זִיךְ דֶער גְרוֹיסֶער טָאג, דִי יוֹמָא דְהִילוּלָא קַדִּישָׁא פוּן כ"ק מָרָן מוֹהֲרַ"ש זי"ע, הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ אִיר קֶענְט מִיר עֶפֶּעס שְׁרַייבְּן עוֹבְדוֹת וְהַנְהָגוֹת וָואס אִיר הָאט גֶעזֶען בַּיי מוֹהֲרַ"ש בְּמֶשֶׁךְ דִי יָארְן. יְיַשֵּׁר כֹּחַ*

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ, יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, ז' שְׁבָט, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

מוֹהֲרַ"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט זִיךְ אַוֶועק גֶעגֶעבְּן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן פַאר אַ צְווייטְן אִיד; עֶס אִיז אִים גֶעגַאנְגֶען אִין לֶעבְּן אַז נָאךְ אַ אִיד זָאל ווִיסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאךְ אַ אִיד זָאל ווִיסְן אַז עֶר הָאט נָאךְ אַ תַּקָּנָה. ווֶער רֶעדְט נָאךְ פוּן שְׁלוֹם בַּיִת; עֶס אִיז אִים גֶעגַאנְגֶען אִין לֶעבְּן אַז נָאךְ אַ אִיד זָאל הָאבְּן שְׁלוֹם בַּיִת. מוֹהֲרַ"ש הָאט אַלֶעס גֶעלֵייגְט אִין דֶער זַייט ווֶען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ הֶעלְפְן אַ פָּאר-פָאלְק, זֵיי זָאלְן ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ אַן עֵצָה צוּ גֶעבְּן אִין לֶעבְּן.

ווֶען מֶען פְלֶעגְט פְרֶעגְן ר' נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה עֶר זָאל פַארְצֵיילְן אַ מוֹפֵת פוּן ר' נָתָן, פְלֶעגְט עֶר זָאגְן: "אַ מוֹפֵת בִּין אִיךְ" - פוּן "נַחְמָן וַואסֶער טְרֶעגֶער" אִיז גֶעוָוארְן "ר' נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער"; ווֶען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ אִינְגְל אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַ יָתוֹם לֹא עָלֵינוּ אוּן זַיין פֶעטֶער הָאט אִים מְגַדֵּל גֶעוֶוען. אֵיינְמָאל אִיז ר' נָתָן גֶעקוּמֶען צוּ גַאסְט אִין דֶעם שְׁטָאט טוּלְטְשִׁין אוּן עֶר אִיז אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי דֶעם פֶעטֶער. ר' נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער - נָאךְ זַייעֶנְדִיג אַ יוּנְגֶער בָּחוּר - הָאט גֶעהֶערְט ווִי ר' נָתָן זָאגְט תּוֹרָה, אוּן אִינְמִיטְן דִי תּוֹרָה הָאט ר' נָתָן גֶעזָאגְט ווֶערְטֶער וָואס הָאט גֶעכַאפְּט זַיין הַארְץ: "דִי ווֶעלְט אִיז נִישְׁט, אוּן מֶען קֶען עֶס נִישְׁט בַּאקוּמֶען, תּוֹרָה וּתְפִלָּה אִיז יָא אוּן מֶען קֶען עֶס בַּאקוּמֶען"; דִי ווֶערְטֶער אִיז אִים אַרַיין אִין הַארְץ אוּן עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַ קֶשֶׁר מִיט ר' נָתָן.

ווֶען ר' נָתָן הָאט גֶעזֶען אַז דֶער בָּחוּר נַחְמָן הָאט אִין זִיךְ אַסַאךְ תְּמִימוּת הָאט עֶר אִים מְקָרֵב גֶעוֶוען אוּן אִים גֶעזָאגְט ווִי אַזוֹי עֶר זָאל לֶערְנֶען וְכוּ', בִּיז עֶר אִיז אוֹיסְגֶעוַואקְסְן אוּן גֶעוָוארְן ר' נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער; פְלֶעגְט עֶר זָאגְן: "אַ מוֹפֵת בִּין אִיךְ", אַז פוּן "נַחְמָן וַואסֶער טְרֶעגֶער" אִיז גֶעוָוארְן "ר' נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער".

דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַׁת לֵוִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַלְץ אִינְגֶערְמַאן גֶעפָארְן צוּ זַיין הֵיילִיגֶער רֶבִּי דֶער גְרוֹיסֶער מַגִּיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן דָארְט גֶעלֶערְנְט פַאר עֶטְלִיכֶע יָאר, ווֶען עֶר אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען הָאט אִים זַיין שְׁוֶוער - וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער מִתְנַגֵּד - גֶעפְרֶעגְט: "וָואס הָאסְטוּ גֶעלֶערְנְט בַּיי דַיין רֶבִּי'ן?" הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט אַז עֶס אִיז דָא אַ גָאט אוֹיף דֶער ווֶעלְט", הָאט דֶער שְׁוֶוער אִים אוֹיסְגֶעלַאכְט אוּן גֶעזָאגְט: "ווֶער ווֵייסְט דֶען נִישְׁט אַז עֶס אִיז דָא אַ גָאט אוֹיף דֶער ווֶעלְט, אִיךְ ווֶעל אַרַיין רוּפְן דִי דִינְסְט אוּן אִיךְ ווֶעל אִיר פְרֶעגְן צִי זִי ווֵייסְט אַז עֶס אִיז דָא אַ גָאט אוֹיף דֶער ווֶעלְט, ווֶעט זִי אוֹיךְ ווִיסְן", אַזוֹי הָאט עֶר גֶעטוּן אוּן דִי דִינְסְט רוּפְט זִיךְ אָן: "וָואסֶערֶע פְרַאגֶע אִיז דָאס? אַוַדַאי אִיז דָא אַ גָאט אוֹיף דֶער ווֶעלְט!"

פְרֶעגְט עֶר זַיין אֵיידֶעם: "פַארְוָואס הָאסְטוּ גֶעדַארְפְט אַוֶועק פָארְן פוּן שְׁטוּב פַאר אַזַא לַאנְגֶע צַייט צוּ לֶערְנֶען אַז עֶס אִיז דָא אַ גָאט אוֹיף דֶער ווֶעלְט, קוּק אוֹיף דִי דִינְסְט, זִי ווֵייסְט אוֹיךְ אַז עֶס אִיז דָא אַ גָאט אוֹיף דֶער ווֶעלְט, אָן פָארְן צוּ אַ רֶבִּי?!" הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוֹבֶער רַב זי"ע גֶעעֶנְטְפֶערְט פַאר זַיין שְׁוֶוער: "יָא יָא, זִי זָאגְט אַז עֶס אִיז דָא אַ גָאט אוֹיף דֶער ווֶעלְט, אָבֶּער אִיךְ לֶעבּ מִיט דֶעם".

אִין דֶעם ווָארְט לִיגְט זֵייעֶר אַסַאךְ; מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן כְּסֵדֶר פַארְוָואס מִיר דַארְפְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן ווֶען מִיר עֶנְטְפֶערְן אַז מִיר דַארְפְן דֶעם רֶבִּי'ן ווַייל עֶר בְּרֶענְגְט אִין אוּנְז אַרַיין אֱמוּנָה - אַז מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מִיר זָאלְן אִים אַלֶעס בֶּעטְן, דְרוּקְט מֶען זִיךְ אוֹיס מִיט וואוּנְדֶער: "ווֶער ווֵייסְט דֶען נִישְׁט אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוּן מֶען קֶען אִים אַלֶעס בֶּעטְן?!" אָבֶּער דֶער אֱמֶת אִיז אַז "יֶעדֶער ווֵייסְט אַז עֶס אִיז דָא אַ גָאט אוֹיף דֶער ווֶעלְט, אָבֶּער מִיר לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן".

דָאס אִיז וָואס אִיךְ קֶען דִיר דֶערְצֵיילְן פוּן מוֹהֲרַ"ש אוּן דָאס אִיז מוֹהֲרַ"ש'ס מוֹפֵת, אַז עֶר הָאט גֶענוּמֶען פְּשׁוּט'ע אִידְן אוּן זֵיי גֶעבְּרֶענְגְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. ווֶען אִיךְ קוּק אוֹיף מִיר טְרַאכְט אִיךְ צוּ מִיר 'דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מוֹפֵת פוּן מוֹהֲרַ"ש, אַז עֶר הָאט אִין מִיר גֶעקֶענְט אַרַיין לֵייגְן אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער ווֶעלְט אוּן אִיךְ זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן'.

קוּק וָואס דֶער הֵיילִיגֶער ר' נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רמט): "וְעִקַּר הַחִדּוּשִׁים וְהַמּוֹפְתִים הַנּוֹרָאִים שֶׁרָאִינוּ מִמֶּנּוּ זַ"ל, הוּא רַק בְּעִנְיַן הִתְקָרְבוּת יִשְׂרָאֵל לַאֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם", דֶער עִיקַּר מוֹפְתִים וָואס מִיר הָאבְּן גֶעזֶען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען נָאר אִינֶעם עִנְיָן פוּן מְקָרֵב זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, "שֶׁתֵּכֶף כְּשֶׁנִּכְנַס

>>>